# יודען וועהלער!

היינט, מיטוואך, דעם 27 מאי וועט איהר לאדזער יודען אויסקלייבען אייערע שלוחים, אייערע פארשטעהער פון דער לאדזער קהלה.

אין אייער האנד ליגט איצט דער גורל פון דער יודישער קהלה אין לאדז.

**ווילט איהר** אז די יודישע קהלה זאל בעפרידיגען אלע רעליגיעזע און נאציאנאלע הצטרכות'ן פון דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג?

**ווילט איהר** א סוף מאכען צו דער שעדליכער אגודה'ישער ווירטשאפט אין דער לאדזער קהלה?

**ווילט איהר** אז די קהלה זאל איבערנעהמען די שחיטה און דורכדעם זאל דער עטאט פערקלענערט ווערען? —

## דאן מוזט איהר שטימען פאר דער ליסטע פון רעליגיעז-נאציאנאלען בלאק נומער

# 16

אויף וועלכער עס פיגורירען שטאלצע און הייסע יודען, פאפולערע לאדזער עסקנים, אויסגעפרובטע אין זייער לאנג-יעהריגער געזעלשאפטליכער ארבייט.

די נעמען פון אונזערע קאנדידאטען זענען די בעסטע גאראנטיע, אז זיי וועלען אפהיטען דעם רעליגיעז-נאציאנאלען כאראקטער פון דער קהלה, אז אלע רעליגיעזע און נאציאנאלע הצטרכות'ן פון יודישען לאדז וועלען בעפרידיגט ווערען.

אפילו אונזערע געגנער זענען מודה, אז אונזער קאנדידאטען-ליסטע איז די שענסטע, אז אונזערע קאנדידאטען וועלען ערפילען אלץ, וואס ליסטע נומ' 16 פראקלאמירט אין איהר וואהל-פלאטפארם.

## אונזערע ערשטע קאנדידאטען זענען:

**ג. סגנ. ש. בודזינער, ר' וואלף זילבערשטיין, ראטמאן י. מ. ביאלער, א. אסט, י. מ. גוטמאן, א. בוים, י. מ. בארענשטיין, א. סאלאמאנאוויטש, ש. האכענבערג, א. ה. יאנאס, י. בערגער א. א.**

יודען! מיר ווילען אייך שטעלען איין פראגע:

ווילט איהר, אז די יודישע קהלה אין לאדז זאל זיין בלויז א רעליגיעזע, אדער בלויז א נאציאנאלע?

זיכער ניין! איהר ווילט אהן ספק, אז די קהלה זאל בעפרידיגען אי די רעליגיעזע אי די נאציאנאלע הצטרכות'ן פון דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג. אויב אזוי מוזט איהר שטימען פאר דער איינציגער רעליגיעז-נאציאנאלער ליסטע, פאר נומ' 16.

יודען וועהלער! געדענקט, אז היינט ווערט דעצידירט דער גורל פון דער לאדזער קהלה. געדענקט, אז די לאדזער קהלה מוז זיין א רעליגיעז-נאציאנאלע, ווייסט, אז ארום רעליגיעז-נאציאנאלען בלאק גרופירען זיך „מזרחי"-פארשטעהער פון אלע לאדזער שוהלען, בתי-מדרשים, בתי-תפלה און אלע רעליגיעז-נאציאנאלע יודען פון אונזער שטאט. ווייסט, אז אונזערע קאנדידאטען אליין זענען די בעסטע גאראנטיע פאר דער אפהיטונג פון רעליגיעז-נאציאנאלען כאראקטער פון דער קהלה, און פאר דער רעאליזירונג פון אלע רעליגיעזע און נאציאנאלע פאסטולאטען.

יודען! גיט אלע באפעהל אין דערפריה אייער שטים פאר נ. 16, געהט צו אייערע קרובים, שכנים, בעקאנטע און פריינד און הייסט זיי שטימען פאר'ן נ. 16.

**16 — העלפט צו צום זיג פון רעליגיעז נאציאנאלען בלאק נ. 16 — 16**

**שטימט און אגיטירט פאר דער ליסטע נ. 16**

אונזערע אינפארמאציאנס ביורא'ען געפינען זיך אין פאלגענדע ערטער: 1) שרודמיעיסקא 7, 2) קילינסקי 44 ביי „מזרחי", 3) אלעקסאנדריסקא 2 ביי וו. זיננער, 4) גלובנא 62 ביי יאמניק און 5) רזשגאווסקא 58 ביי פרידמאן

**שטימט אלע פאר דער ליסטע נ. 16**

### ערקלערונג.

עס איז נישט אמת, אז דער צענטראלער הויז-בעזיצער פעראיין און די פינאנץ-אינסטיטוציעס, וואס שטעהן מיט איהם אין ענגער פערבינדונג, האבען א וועלכע עס איז דירעקטע שייכות צו פעראינטערעסירונג פאר דער ליסטע 10, אדער פאר א וועלכער עס איז אונזערע ליסטע צו די קהלה-וואהלען.

די מיטגלידער פון הויז-בעזיצער פעראיין און פון די מיט איהרע פערבינדעטע פינאנץ-אינסטיטוציעס האבען פולשטענדיג פר׳ע הענד צו שטימען פאר וועלכע ליסטע זיי ווילען.

אמת איז, אז איך פערזענליך אלס פארזיצענדער פון לאדזער „מזרחי" אונטערשטיץ אין דער פולער מאס די ליסטע נ. 16 אלס די איינציגע רעליגיעז-נאציאנאלע ליסטע אין לאדז.

איך בעט אלע מיינע פריינד און בעקאנטע, וואס שטעהן אויפן שטאנדפונקט פון א רעליגיעז-נאציאנאלער קהלה, צו שטימען פאר דער ליסטע נ. 16.

משה הלפמאן.

אנשטאט צו פערברייטערן די קאָמפּעטענץ פון דער יודישער קהלה האָט די אגודה אויסגעפּוילט דעם טרויעריג-בעריהמטען פּאַראַגראַף 20.

**שטים היינט פאַר דער ליסטע 6**

ווײַל מיר פאַרשטעהער עס וועלען מוטיג און שטאָלץ פאָדערן אַ פרייע יודישע זעלבסט-פערוואלטונג מיט אַ ברייטע קאָמפּעטענץ.

**יודישע פרוי!**

אַלס תשובה אויפ'ן אויסשליסען דיר פון דער קהלה —

**אַגיטיר פאַר דער ליסטע 6,**

וועמענס פאַרשטעהער עס וועלען זיך בעמיהען, אַז ביי די צוקונפטיגע וואַהלען זאָלסטו צוריק-געשטעלט ווערען אין דיינע רעכט.

**די 17.000 יודען**

ביי וועלכע די לאָדזער תקיפים האָבען איבער צוגערויבט דאָס וואַהל-רעכט, וועלען זיין די בעסטע

**אַגיטאַטאָרען פאַר דער ליסטע 6,**

וועמענס פאַרשטעהער עס וועלען אויף להבא צו אזאַ נבלה נישט צולאָזען.

## ווער עס שטימט פאַר'ן 6 דער לייגט צו אַ שטיין צום פונדאַמענט, אויף וועלכען עס וועט געבויט ווערען דאָס מאָדערנע יודיש וועלטליכע קולטורעלע לעבען.

# 6

## יודישער דעמאָקראַט יודישער האַרעפּאַשניק יודישער סאָציאַליסט שטים היינט, פאַר דער ליסטע פון דער יודיש דעמאָקראַטישער פאָלקס-פּאַרטיי.

הויפּט-קאַנדידאַטען: **אַדוו. יוסף ווייצמאַן,** **ש. טאַרקא** — וועבער, **מאַג. מ. באַלבערישסקי** — פּערוואַלטער פון דער קר.-קאַסע-אַפּטייק, **א. גראַסמאַן** — פּרעזעס פון צ. ראַד-פּערקעהר, **יצחק זשורקאַווסקי** — סוחר.

וואָס ערגער עס איז דאָ אין לאַנד אַלץ לייכטער קומט אָן די ציוניסטען צו פאַר'סמען די יודישע מאַסע מיט נישט געשטויגענע אילוזיעס.

**שטים פאַר דער ליסטע 6**

וועמענס קאַנדידאַטען עס שטרעבען צו דערפּיהרען דאָס פּוילישע יודענטום צו אַ ליכטיגען מאָרגען דאָ אין לאַנד, וואָס איז דורכגעווייקט מיט אונזער בלוט און שווייס.

די ציוניסטען בעקעמפען די אגודה-לייט פון גער און שטיצען די אגודה-לייט פון אַלעקסאַנדער

**שטים פאַר דער ליסטע 6**

וועלכע וועט שטרעבען פטור צו ווערען פון זיי אַלע דריי.

הונדערטער יודישע עקזיסטענצען, צענדליגער יודישע אָרגאַניזאַציעס זענען ביז איצטער גערעטעוועט געוואָרען אַ דאַנק דער מסירת נפש'דיגער אַרבייט פון ערשטען קאַנדידאַט פון דער ליסטע 6

**אַדוו. יוסף ווייצמאַן,**

**שטים פאַר דער ליסטע 6.**

# 7 יוד. האַנדווערקער! מלאכה איז ברכה! 7

## שטים פאַר דער איינציגער ריינער האַנדווערקער-ליסטע

**יודישער בעל-מלאכה!** אויב דו ווילסט האָבען די מעגליכקייט רוהיג צו זיצען אין דיין וואַרשטאַט און אַרבייטען — **שטים פאַר דער ליסטע 7.**

**יודישער סאָציאַליסטישער האַנדווערקער!** אויב דו ווילסט נישט אָפּגעבען דיין שטים פאַר דער ליסטע 7, וועלען דיין נאָמען אויסנוצען די אַגודה-לייט, וועלכע האָבען ווי אַ שוואַרצע מחנה פּערכאַפּט אַלע וואַהל-אַבטיילונגען.

**יודישער בעקער!** אויב דו ווילסט האָבען אָפענע טירען צו ווענדען זיך צו ווענדען ביי די אַלע מעכאַניזאַציעס-גזירות — **שטים פאַר דער ליסטע 7.**

**יודישע האַנדווערקער!** דערמאָנט אייך, אַז נישט קיין אַנדערער ווי דער הויפּט-קאַנדידאַט פון פּאָלודניאַווע 4 ה' מ. פיין, האָט אין שטאָט-ראַט געשטימט פאַר'ן פאַרקלענערן די שטייערן די הויז-ווירטשאַפט. קיין גוטס קענסטו פון אַזאַ פאַרשטעהער אין קהלה נישט ערוואַרטען — **שטים פאַר דער ליסטע 7.**

**דער יודישער האַנדווערקער** ווערט דערציטערט ווען ער הערט נאָר דעם נאָמען פּאָלודניאַווע 4. דעריבער **שטימען אַלע האַנדווערקער פאַר דער ליסטע 7.**

**יודישער האַנדווערקער!** צו שווער איז דיין לאַגע, אַז דו זאָלסט זיך פּרלויבען אָפּגעבען דיין שטים פאַר אַ שטומען סענאַטאָר — **שטים פאַר דער ליסטע 7.**

פערוואַלטונג פון יודישען שניידער-צעך — פּיעטריקאָווער 20
שניידער-כאַלופניקעס פעראיין פּילסודסקיעגאַ 25
שוסטער-צעך — זאַכאַדניאַ 66
בעקער-צעך פּילסודסקיעגאַ 57
בלעכער-צעך — זאַוואַדזקאַ 4
טישלער-צעך — בושושיצער 7
יובילער-גראַווירער און זייגערמאַכער פּערא. פּאָלודנ. 4
פאָטאָגראַפיסטען-פעראיין פּיעטרקאָווער 17

## שטימט פאַר דער איינציגער ריינער האַנדווערקער-ליסטע 7

## אונזערע קאַנדידאַטען זענען:

1) **א. גלאַטמאַן** קאַמפער פאַר די האַנדווערקער אינטערעסען זייט צענדליגער יאָהרען וויצע-סטאַרשי פון שניידער צעך
2) **צ. פישער,** פּרעזעס פון שניידער כאַלופניקעס פעראיין
3) **יוסף געלבאַרד,** סטאַרשי פון שוסטער צעך
4) **יאָלף יונה וויינבערג,** וויצע סטאַרשי פון בעקער צעך
5) **חיים מענדיל יאַסקאָוויטש,** וויצע סטאַרשי פון בלעכער צעך
6) **הערש לעווקאָוויטש,** סטאַרשי פון טישלער צעך
7) **סאַמועל פערדמאַן,** פאָטאָגראַפיסט צעך

**אונזערע וואַהל-ביוראָען:** פּיעטריקאָווער 20, שניידער-צעך; האַנדווערקער באַנק, פּילסודסקיעגאַ 25; גייערס-ראַיאָן — שעראַדזקאַ 3; באַלוט — לימאַנאָווסקי 6; שייבלערס-ראַיאָן באַטיסט קילינסקי 104

פעראייניגטער בלאָק פון **קליינהענדלער** און דעטאַ-ליסטען

## 8 איז די איינציגע ליסטע אין לאָדז 8

אויף וועלכע עס שטימען און אַגיטירען אַלע קליינהענדלער און דעטאַליסטען

אונזערע קאַנדידאַטען זענען: **ראַטם. כאַרי פ., פאַרבער א.**

אונזערע אינפאָרמאַציאָנס ביוראָס געפינען זיך:

1) קליינהענדלער-פעראיין, פּאָמאָרסקאַ 15
2) „ „ בושע/שינער 19
3) אַלטע גאַרדעראָבען, פּאַרושעטשנאַ 4
4) זאַקהיים, וסכאָדניאַ 66
5) גאָלדבערג, נאַרוטאָוויטשאַ 3
6) קאַמפעל, זשגאָווסקאַ 7, 7) פּראַשקער, נואַלבאָרסקאַ 31

טעלעפאָנען: 175.83, 178.14, 136.54, 140.21, 146.86

# 7

## דער בלעכער און דעקער-צעך זאַוואַדזקאַ 4

פאָדערט אויף אַלע מיט-גלידער

**צו שטימען פאַר דער ליסטע נומער 7**

**די פערוואַלטונג**

## מיטגלידער און סימפּאַטיקער — פון דער — געזעלשאַפט „נותן-לחם“

מיר פאָדערן אויף אַלע אונזערע מיטגלידער און סימפּאַטיקער פאַר וועמען דער כבוד פון אונזער אינסטיטוציע איז טייער

## צו שטימען פאַר דער ליסטע 8

אויף וועלכער עס פיגורירט אויפ'ן ערשטען אָרט אונזער געעהרטער פּרעזעס ראַטמאַן פ. כאַרי.

**די פערוואַלטונג**

וויצע-פּרעזעס מילגראַם, קאַסירער פריינד סעקרעטאַר סענדער.

